STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04886

REDE AFN XVIII TSUZAMENFOR FUN DER A.L.K.P.(B), DEM 13 MART 1939

A. Mikoyan

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Elaine S. Katz
in memory of
Horace J. Katz and Charles & Minnie Skurnik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מיקאָיאנ

ר ע ד ע
אפנ XVIII צוזאמענפאָר
פונ דער אלקפ(ב)

דעמ 13 מארט 1939 י.

מעלוכע־פארלאג „דער עמעס“,
מאָסקווע 1939

Редактор перевода *Р. Фиш.* Техн. редактор *Ф. Фрумкина.*
Корректор *М. Кацап.*

Сдано в набор 11/IV-39 г. Подписано к печати 15/V-39 г. Государственное издательство „Дер Эмес“, № 238. Ф. б. 70X108 $^1/_{32}$, п. л. 1 $^1/_4$, учет изд. л. 1. Тираж 7.000. Уполномоченный Главлита РСФСР А-5620. Заказ тип. № 314.

17-я ф-ка национальной книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига“, Москва, Шлюзовая наб., 10.

פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

כאווײרים, דער XVIII צוזאמענפאָר פון דער אלקפ(ב) וועט פאר־נעמען א באזונדערס אָנגעזעענע אָרט אין דער געשיכטע פון אונדזער פארטיי.

אפ אלע פאָריקע צוזאמענפאָרן האָט די פארטיי זיך פארנומען דערמיט, וואָס זי האָט אויסגעארבעט מאָסמיטלען צו אָרגאניזירן דעם זיג פונעם סאָציאליזם. דער XVIII צוזאמענפאָר — דאָס איז דער ערשטער צוזאמענפאָר פון אונדזער פארטיי, וואָס אָנשטאָט אויסצוארבעטן מאָס־מיטלען צו אָרגאניזירן דעם זיג פונעם סאָציאליזם, האָט ער די מעגלעכ־קייט צו קאָנסטאטירן אין זײַנע באשלוסן דעם זיג פונעם סאָציאליזם אין אונדזער לאנד און צו באצייכענען, אז אונדזער לאנד איז ארײַנגע־טראָטן אין א נײַער פאזע פון אנטוויקלונג, אין דער פאזע פון פארענ־דיקן ביזן סאָף די בויונג פון דער קלאסנלאָזער סאָציאליסטישער גע־זעלשאפט און פון בעהאדראָגעדיקן אריבערגאנג פון סאָציאליזם צום קאָמוניזם. אָט פארוואָס דער דאָזיקער צוזאמענפאָר וועט זײַן א קער־צוזאמענפאָר פאר אונדזער גאנצער פארטיי. דער צוזאמענפאָר האָט באַ־קומען די דאָזיקע מעגלעכקײַט אדאנק דעם, ווײַל אונדזער צענטראל־קאָמיטעט האָט געפירט די פארטיי מיטן לעניניש וועג, ווײַל אין דער שפיץ פונעם צענטראל־קאָמיטעט שטייט דער כאווער סטאלין. (א פ ל אָ־ד י ס מ ע נ ט ן.)

שליסנדיק נאָך איין קאפיטל פון דער געשיכטע פון אונדזער פארטיי, דעם קאפיטל פון קאמפ פארן סאָציאליזם און אָנהייבנדיק א נײַעם קאפיטל פון קאמפ פארן פולן זיג פונעם קאָמוניזם, האָט אונדזער צוזאמענפאָר די מעגלעכקײַט צו ווײַזן געבן דער גאנצער וועלט, אז: אין פססר איז

ליקווידירט געוואָרנ די עקספּלואטאציע פונ מענטש דורכ מענטש אונ עס זיינענ פארניכטעט געוואָרנ די סיבעס, וואָס געבוירנ קלאסנ; די פעלקער פונ אונדזער לאנד זיינענ פאראייניקט אינ אנ ענגער ברידערלעכער מישפּאָכע פונ גלייכבארעכטיקטע בירגער פונעמ סאָציאליסטישנ היימלאנד; אונדזער לאנד איז פונ אנ אָפּגעשטאנענ, אגראר לאנד פארוואנדלט געוואָרנ אינ פארלויפ פונ איינ יאָרצענדליק אינ דער גרעסטער אינדוסטריעלער מעלוכע אינ דער וועלט; אונדזער פילמיליאָניק פויערטומ האָט אינ א קירצסטנ טערמינ איבערגעבויט זיינ לעבנ אפ א סאָציאליסטישנ שטייגער אונ, באוואָפנט מיט דעמ סטאלינישנ קאָלווירטישנ סטאטוט, העכערט דאָס פויערטומ זיינ קולטורעלקייט אונ פארמעגלעכקייט.

אָט פארוואָס, כאווײרימ, עס האָט א באזונדערע באדייטונג די דערקלערונג פונעמ כאווער סטאלינ וועגנ דעמ, אז בא אונדז „איז פארווירקלעכט געוואָרנ אינ גרונט די ערשטע פאזע פונעמ קאָמוניזמ — דער סאָציאליזמ". אָט פארוואָס מיר קאָנענ מיט פולנ רעכט אָנרופנ אונדזער XVIII־טנ צוזאמענפאָר פונ דער אלקפּ(ב) — צוזאמענפאָר פונעמ סאָציאליזמ, וואָס האָט געזיגט, קער־צוזאמענפאָר פונעמ סאָציאליזמ צומ קאָמוניזמ. (שטורמישע אפּלאָדיסמענטנ.)

דער פּעריאָד צווישנ די צוויי לעצטע צוזאמענפאָרנ צייכנט זיכ באזונדערס אויס דערמיט, וואָס אונדז האָט זיכ איינגעגעבנ אופצודעקנ אונ פארניכטנ די נעסטנ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע — די טראָצקיסטיש־בוכארינישע באנדעס, צו ליקווידירנ די אייטערדיקע געשווירנ אפנ לייב פונ אונדזער פּארטיי, וואָס אינ רעזולטאט דערפונ איז די פּארטיי געוואָרנ נאָכ פעסטער, געזינטער אונ מעכטיקער אונ האָט זיכ פאראייניקט ארומ איר צענטראל־קאָמיטעט, ארומ דעמ כאווער סטאלינ, אזוי ווי קיינמאָל. (שטורמישע אפּלאָדיסמענטנ, אלע שטעלנ זיכ אופ.)

דער באריכט־פאָרטראָג פונעמ כאווער סטאלינ שטעלט מיט זיכ פאָר א פאקט פונ גרעסטער היסטאָרישער וויכטיקייט. דער כאווער סטאלינ האָט מיט דער גאנצער איבערצייגונגס־קראפט, פּאָשעט אונ קלאָר דערציילט וועגנ יענע שווערסטע איבערגענג, וואָס עס האָט געמאכט די

פארטיי, וועגן יענע קאָלאָסאַלע ניצכוינעס, וואָס זי האָט אָפּגעהאַלטן, און האָט געשילדערט די קראַפט און מעכטיקייט פון אונדזער לאַנד אין קעגנזאַץ צום פוילנדיקן קאַפּיטאַליזם, אין קעגנזאַץ צו דער וועלט פון קאַפּיטאַליזם, וואָס ווערט צעריסן פון אומדערלייזבאַרע ווידער־שפּרוכן און בלוטיקע מילכאָמעס, וועלכע ברענגען אומגליק און רויני־רונג די פאָלקסמאַסן.

דער פאָרטראָג פונעם כאַווער סטאַלין איז ניט נאָר א באַריכט וועגן דעם, וואָס עס איז געווען, דער דאָזיקער פאָרטראָג איז א גענוי־אַלע פּאָרויסזעונג, א דירעקטיוו פאַר אונדזער פּאַרטיי אַפּ פיל יאָרן פאָרויס.

נאָך מער, דער פאָרטראָג פונעם כאַווער סטאַלין איז א בייטראָג אין דער טעאָריע פונעם קאָמוניזם, א ווערטפולסטע מאַטאָנע פונעם כאַווער סטאַלין אונדזער XVIII־טן צוזאַמענפאָר פון דער אַלקפּ(ב).

אָט פאַרוואָס דער באַריכט־פאָרטראָג פונעם כאַווער סטאַלין פרייט און באַגייסטערט אונדזער פּאַרטיי און אונדזער גאַנץ פאָלק צו ווייטער־דיקע זיגן פונעם קאָמוניזם. (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.)

דער פּעריאָד צווישן דעם XVII און XVIII צוזאַמענפאָרן פון דער אַלקפּ(ב) איז רייך ניט בלויז מיט די גרעסטע זיגן פון דער פּאַרטיי אַפן פראָנט פון בויען דעם סאָציאַליזם — דער דאָזיקער פּעריאָד איז א ביז גאָר מערקווירדיקער אין דער געשיכטע פון אונדזער פּאַרטיי פון שטאַנדפּונקט פון אַנטוויקלונג פון דער טעאָריע, ער איז א פּעריאָד פון פאַנאַנדערבליִונג פון דער טעאָריע פונעם קאָמוניזם.

דער כאַווער סטאַלין האָט זייַנערצייַט אַבסאָליוט ריכטיק פאַר־צייכנט די הינטערשטעליקייַט אַפן טעאָרעטישן פראָנט. און אָט, ווען דו קוקסט זיך אַרום אַפּ די פאַרגאַנגענע פינף יאָר נאָכן XVII צוזאַמענ־פאָר, זעסטו, ווי ס'איז טראָט נאָך טראָט ליקווידירט געוואָרן אָט די הינטערשטעליקייַט אונדזערע אין דער טעאָריע. אין פאַרלויף פון די דאָזיקע יאָרן האָט די פּאַרטיי פאַנאַנדערגעאַרבעט פיר גרעסטע און וויכטיקסטע היסטאָרישע דאָקומענטן, וואָס וועלן לעבן אין די דורעס.

נאָכן XVII צוזאַמענפאָר האָט דער כאַווער סטאַלין, צוזאַמען מיט

די מיטגלידער פונעמ צענטראל־קאָמיטעט, צוזאמענ מיט די פאָרגעשריטענע קאָלווירטניקעס, פאנאנדערגעארבעט דעמ סטאטוט פונ לאנדווירטשאפטלעכנ ארטעל. דער דאָזיקער סטאטוט רעדט וועגנ דעמ, וויאזוי עס דארפ לעבנ סאָציאליסטיש דאָס פילמיליאָניקע פויערטומ, וואָס איז ארײַנגעטראָטנ אינ קאָלווירטנ. ניט האָבנדיק קיינ שומ דערפארונג, וואָס זאָל געוועזנ באקומענ געוואָרנ פונ דער געשיכטע, האָט דער כאווער סטאלינ פארשטאנענ מיט געניאלער שארפזיכטיקײַט צו פאראלגעמײנערנ די דערפארונג, וואָס מיר האָבנ געהאט פאר דער קורצער צײַט פונ דער ארבעט פונ די קאָלווירטנ, אונ האָט פארלייגט די יעסוידעס, אפ וועלכע עס ווערט געבויט דער סאָציאליזמ אינ דאָרפ. דאָס וויכטיקסטע אינעמ סטאטוט פונ לאנדווירטשאפטלעכנ ארטעל באשטייט דערינ, וואָס דער כאווער סטאלינ האָט פארשטאנענ ריכטיק צונויפפאָרנ אינ אימ די פערזענלעכע אינטערעסנ פונ די קאָלווירטניקעס מיט די געזעלשאפטלעכע אינטערעסנ, אונטערוואָרפנדיק דאָס פערזענלעכע דעמ געזעלשאפטלעכנ. די דאָזיקע צונויפפאָרונג האָט געגעבנ די מעגלעכקײַט צו פארפעסטיקנ פאר דער קאָלווירטישער אָרדענונג דאָס הונדערטמיליאָניקע פויערטומ אונ, אונטערוואָרפנדיק דאָס פערזענלעכע דעמ געזעלשאפטלעכנ, אופצוהייבנ אלצ העכער אונ העכער דעמ געזעלשאפטלעכנ יעסאָד.

דער סטאלינישער סטאטוט פונ קאָלווירטישנ ארטעל איז ניט נאָר הײַנט א ווירקעוודיקע קאָנסטיטוציע פונ קאָלווירטישנ לעבנ, פונ דער קאָלווירטישער אָרדענונג, נאָר ער וועט נאָכ פיל יאָרנ ביזנ זיג פונ קאָמוניזמ זײַנ די פאָנ פארנ קאָלווירטישנ פויערטומ. אונ ניט בלויז פאר אונדז, מענטשנ פונעמ ראטנפארבאנד. ווי נאָר דאָס באפרײַטע פויערטומ פונ די לענדער פונ קאפיטאליזמ וועט ארָאפוואָרפנ פונ זיכ דעמ יאָכ פונ קאפיטאליזמ, אונ סע וועט וועלנ וויסנ, וויאזוי זשע דארפ מענ בויענ דאָס אייגענע נײַע לעבנ, וועט עס זײַנ פאָטער פונ לאנגע זוכענישנ אונ וועט אינ אָט דעמ סטאלינישנ סטאטוט פונ קאָלווירטישנ לעבנ געפינענ דעמ ענטפער אפ דער פראגע, וויאזוי דארפ דאָס פויערטומ זעלבסט בויענ דאָס לעבנ פונ א פרײַענ פויער, וויאזוי צו בויענ דעמ סאָציאליזמ אינ דאָרפ.

דער צווייטער דאָקומענט, וואָס האָט א קאָלאָסאלע טעאָרעטישע
באדײַטונג, דאָס איז די קאָנסטיטוציע פונעם פארבאנד סאָוועטישע
סאָציאליסטישע רעפובליקנ, וואָס איז אויכ פאנאנדערגעארבעט געוואָרנ
פונעמ כאווער סטאלינ, אונ וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר ניט עפעס אנ-
דערש, ווי אנ איבערגעבונג פונ דער לערע וועגנ דער אָרגאניזירונג
פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. דער דאָזיקער דאָקומענט וועט
אויכ לעבנ אינ די דוירעס, ווײַל דאָס איז ניט בלויז א כארטיע פונ
פרײַהײַטנ פאר די סאָוועטישע בירגער, א קאָדעקס פונ אונדזערע
דעראָבערונגענ, נאָר אויכ א פראָגראם פאר אלע ארבעטנדיקע פונ דער
וועלט, וואָס געפינענ זיכ אונטערנ יאָכ פונעמ קאפיטאליזמ. אינ אונ־
דזער סטאלינישער קאָנסטיטוציע איז געגעבנ געוואָרנ דאָס לעבעדיקע
געשטאלט פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. די סטאלינישע קאָנ־
סטיטוציע איז דער וועגווײַזנדיקער שטערנ פאר די רעוואָליוציאָנערע
פארטייענ פונ אנדערע לענדער, וואָס, האָבנדיק גענומענ די מאכט אינ
זייערע הענט, וועלנ זיי וויסנ, וויאזוי צו בויענ די סאָציאליסטישע
געזעלשאפט, ד.ה. זיי וועלנ וויסנ דאָס, וואָס מיר האָבנ זײַנערצײַט
ניט געוווסט.

דער דריטער וויכטיקסטער דאָקומענט, וואָס איז ארויסגעגעבנ גע־
וואָרנ אינ דעמ דאָזיקנ פעריאָד, איז דער קימאט אינגאנצנ אָנגעשרי־
בענער פונעמ כאווער סטאלינ לערנבוכ פונ דער געשיכטע פונ דער אל־
פארבאנדישער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס), וואָס איז צוזאמענ
דערמיט א לערנבוכ פונ דער טעאָריע פונ מארקסיזמ־לעניניזמ, אונ וואָס
איז געוואָרנ א האנטבוכ פאר אלע גראמאָטנע מענטשנ פונעמ ראטנ־
פארבאנד אונ פאָרגעשריטענע ארבעטער פונ דער גאנצער וועלט.

צולעצט, דאָס פערטע טעאָרעטישע ווערק פונ אונדזער פארטיי —
דאָס איז יענער טייל פונ כאווער סטאלינס פאָרטראָג אפנ איצטיקנ
צוזאמענפאָר, ווו עס רעדט זיכ וועגנ דער סאָציאליסטישער מעלוכע
אונ וועגנ דער סאָוועטישער אינטעליגענצ.

אינ אונדזער טעאָריע איז געווענ א בלויז אינ דער פראגע וועגנ
דער סאָציאליסטישער מעלוכע. קיינ ספעק ניט, אז דער דאָזיקער בלויז

האָט ניט געקאָנט זיך ניט אָפּרופן אויך אפ אונדזער פּראקטישער ארבעט. דער כאווער סטאלינ האָט ליקווידירט דעמ דאָזיקנ בלויז אינ דער טעאָריע פונעמ מארקסיזמ־לעניניזמ און האָט אונדז אינ זײַנ פּאָרטראָג געגעבנ די לערע וועגנ דער סאָציאַליסטישער מעלוכע און וועגנ דער סאָוועטישער אינטעליגענצ. דערמיט גופע האָט אונדזער פּארטיי בא דער הילפ פונעמ כאווער סטאלינ איצט ליקווידירט פולשטענדיק די הינטערשטעליקייט אפנ טעאָרעטישנ פראָנט און אונדזער פּארטיי איז איצט אלזײַטיק באוואָפנט מיט דער טעאָריע פונעמ מארקסיזמ־לעניניזמ, מיט דער וויסנשאפטלעכער טעאָריע, וואָס אירע שעפער זײַנען מארקס, ענגעלס, לענינ און סטאלינ. (שטורמישע לאנגדויערנדיקע אפּלאָדיסמענטנ.)

די פראגנ פונ פּראָדוצירנ סכוירעס פונ ברייטנ געברויכ און פונעמ סכוירע-אומזאצ

דער כאווער סטאלינ האָט אינ זײַנ פּאָרטראָג גערעדט וועגנ דעמ וווקס פונ אונדזער אינדוסטריע, וועגנ דעמ, אז מיר האָבנ דעריאָגט און אריבערגעיאָגט די קאפּיטאליסטישע לענדער לויט די טעמפּנ און לויט דער טעכניק פונ דער פּראָדוקציע און האָט דאָ גופע געשטעלט די פראגע וועגנ דער אויסארבעטונג פונ פּראָדוקטנ אפ א נעפעש פונ דער באפעלקערונג. דאָס שטעלנ דעמ טראָפ ניט אפ דער אבסאָליוטער גרייס פונ דער פּראָדוקציע, נאָר אפ א נעפעש פונ דער באפעלקערונג ווערט בא אונדז געטאָנ צומ ערשטנ מאָל. מיר זײַנען געוווינט צו פארגלײַכנ אזוי: אינ ענגלאנד, צומ בײַשפּיל, ווערט פּראָדוצירט 7 מלנ. טאָנ טשוהונ, מיר פּראָדוצירנ 15 מלנ., הייסט עס, אז מיר פארנעמענ דאָס ערשטע אָרט אינ פארגלײַכ מיט ענגלאנד. דער כאווער סטאלינ האָט פיל מענטשנ אָפּגעגאָסנ מיט קאלט וואסער. דאָס איז א זייער גוט און נוצלעכ וואסער פאר אייניקע היצ־קעפּ. (א פריילעכע אופלעבונג אינ זאל.) זייער א סאכ מענטשנ דענקענ אזוי: אויב מיר פארנעמענ דאָס ערשטע אָדער דאָס צווייטע אָרט אינ דער

וועלט, הייסט עס, אז אלץ איז גוט, מע קאָנ זיכ באַרויִקנ. אייניקע ווירטשאַפטלער זײַנענ גענייגט צו כאַפּנ א דרעמל, ווערנ גרויס בא זיכ, זיי האַלטנ, אז איילנ זיכ איז ניטאָ וווּהינ. און ווי זשע איז דער ענטפער אפ דער פראגע — פארוואָס פעלנ בא אונדז אויס סכוירעס?

אָט אפ דער דאָזיקער פראגע האָט געגעבנ אנ ענטפער דער כאַווער סטאַלינ. דער כאַווער סטאַלינ האָט באַוויזנ, אז לויט דער אבסאָליוטער פּראָדוקציע פארנעמענ מיר זייער א סאָליד אָרט אינ דער וועלט, דארפ מענ, דעריבער, קענענ מאכנ אונדזערע דערפּאָלגנ פאר א טראמפּלינ צו נייַע זיגנ, פאר א הייבער פונ אונדזער פארטיי צוליב א נייַעמ קאמפּ, צוליב נייַע דערפּאָלגנ, און ניט באַרויִקנ זיכ, ווי דאָס וואָלטנ געטאָנ אייניקע. אונדזערע דערפּאָלגנ זײַנענ אזוי גרויס, אז די אופגאבע צו דעריאָגנ און אריבעריאָגנ די הויפּטלעכע קאפּיטאַליסטישע לענדער לויט דער פּראָדוקציע אפ א נעפּעש פונ דער באפעלקערונג איז נאָענט צום דערלייזט ווערנ.

דאָס האָט א שייַכעס ניט בלויז צו דער מעטאַלורגיע, עלעקטראָ-סטאנציעס און ביכלאל צו דער שווערער אינדוסטריע. דאָס האָט א דירעקטע שייַכעס אויכ צו דער שפּייַז־אינדוסטריע און צו דער לייַכטער אינדוסטריע און צו דער פּראָדוקציע פונ אלע סכוירעס פונ ברייטנ געברויכ.

דער כאַווער סטאַלינ האָט ניט איינ מאָל אונטערגעשטראָכנ די נייטיקייַט צו אנטוויקלענ די פּראָדוקציע פונ סכוירעס פונ ברייטנ געברויכ פאר דער באפעלקערונג, ווייַל דער כאַווער סטאַלינ האַלט אינ איינ דיבעכ וועגנ אונדזער אופגאבע — „די זאָרג וועגנ מענטש“.

אפ דער אלפארבאנדישער באראַטונג פונ די סטאַכאַנאָווצעס אינ נאָיאבער 1935 יאָר האָט דער כאַווער סטאַלינ געזאָגט:

„...דער סאָציאַליזמ קאָנ זיגנ נאָר אפ דער באזע פונ א הויכער ארבעט־פּראָדוקטיווקייַט, א העכערער, ווי באַמ קאפּיטאַליזמ, אפ דער באזע פונ א שעפע פּראָדוקטנ און אלערליי מינימ זאכנ פונ געברויכ, אפ דער באזע פונ א פארמעגלעכ און קולטורעל לעבנ פונ אלע מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט“.

אָט דעמ דאָזיקנ לאָזונג וועגנ א שעפע פּראָדוקטנ און סכוירעס

פון ברייטן געברויך דארפן מיר פארווירקלעכן מיט דער גאנצער אקשאָנעס. דאָ שטויסן מיר זיך פריער פאר אלץ און מער פאר אלץ צונויף מיט דער ארבעט פון דער לײַכטער אינדוסטריע, באזונדערס, מיט דער ארבעט פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע.

כאָטש די לײַכטע אינדוסטריע אינגאנצן גענומען האָט געגעבן א צוּוואוקס פון איר פראָדוקציע אינעם צווייטן פינפיאָר אף 82%, האָט זי, פונדעסטוועגן, איר פלאן ניט אויסגעפילט.

אין דער לײַכטער אינדוסטריע איז די הויפּט־פלאָג אונדזערע — די הינטערשטעליקײַט פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע און, דעריקער, פון דער באוול־אינדוסטריע, און אין דעם דאָזיקן אינדוסטריע־צווײַג, דעריקער, די הינטערשטעליקײַט פון דער שפינערײַ, ווײַל בא דעם בוימוואָל, וואָס מיר האָבן, וואָלטן מיר געקאָנט געבן אין א גענוגער מאָס געשפינס און דאָס געשפינס וואָלט געגאנגען אי אף וועבערײַ אי אף טריקאָטאזש־אויסארבעטונגען, און אויב ס'וואָלט דערבײַ ניט געקלעקט קיין מעלוכישע טריקאָטאזש־ און וועבערײַ־פאבריקן, — וואָלט מען געקאָנט אויסנוצן די קאָלאָסאלע מעגלעכקײַטן פון דער קוסטאר־קאָאָפּעראציע, אָבער די צאָרע איז, וואָס בא אונדז וואקסט לאנגזאם די שפינערײַ.

די פראָדוקציע פון דער באוול־אינדוסטריע האָט אין 1937 יאָר באטראָפן לעגאבע דעם 1932 יאָר 124,3%. א וואוקס ניט קיין גענוגנדיקער, ווײַל לויטן פינפיאָר־פלאן איז געווען אָנגעמערקט א גרויסער וואוקס און די באדערפענישן אין געוועב־שטאָפן וואקסן בא אונדז אין לאנד שנעל, דערפאר פארבלײַבט נאָך דער נאָכפרעג אף זיי ניט באפרידיקט.

אינעם ערשטן פינפיאָר און אין די ערשטע יאָרן פונעם צווייטן פינפיאָר איז דאָס שמאָלע אָרט אין דער באוול־אינדוסטריע געווען דער מאנגל אין רויוואַרג. דערפאר זײַנען אונדזערע באמיִונגען געווען געווענדט אף צו פארגרעסערן די סאָוועטישע פראָדוקציע פון בוימוואָל.

אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערשלאָגן זיך בעעמעס גראנדיעזע דערפאָלגן אין דעם דאָזיקן געביט. אין דער צײַט, ווען באם צאריזם איז אין 1913 יאָר באקומען געוואָרן 13,1 מלן. פוד בוימוואָל־פיב־

רעס, באקומענ מיר די לעצטע דריי יאָר דורכשניטלעכ העכער 50 מלנ. פוד בוימוואָל־פיברעס יערלעכ, דה. קימאט אינ 4 מאָל מער. דאָס וואָלט באדארפט געבנ א מעגלעכקייט פאר א סאכ א גרעסערנ וווקס פונ דער פראָדוקציע פונ געוועב־שטאָפנ, ווי דאָס איז אינ דער ווירקלעכקייט.

דאָס איז ארויסגערופנ געוואָרנ דערמיט, וואָס אונדזער באוול־אינדוסטריע באווייזט ניט איבערצוארבעטנ דעם גאנצנ בוימוואָל. אָט פאר־וואָס עס האָבנ זיכ אינ אירע סקלאדנ געבילדעט גרויסע, מער ווי געוויינלעכע, רעשטנ בוימוואָל, וועלכנ מיר דארפנ, דורכ א שנעלער העכערונג פונ די מעכטיקייטנ פונ דער באוול־אינדוסטריע, פארטאָנ אינ די נאָענטסטע איינ—צוויי יאָר, וואָס דאָס דארפ געבנ א שטארקערנ יערלעכנ צווווקס פונעמ ארויסלאָז פונ באוול־שטאָפנ, ווי דאָס איז געווענ ביז איצט.

אזא לאגע האָט זיכ געשאפנ מאכמעס דעמ, וואָס דער פאָלקאָמ־לייכטינד האָט, ווענ עס זיינענ נאָכ דאָרטנ געזעסנ שעדיקער, די קאַ־פיטאלע איינלאָגנ געווענדעט, הויפטזאכלעכ, ניט אפנ אָנווווקס פונ די מעכטיקייטנ פונ דער אינדוסטריע ביכלאל, אונ פונ דער שפינערייַ, ביפראט, נאָר אפ פארשיידענע „רעקאָנסטרוקציעס”, וועלכע האָבנ אָדער ניט געגעבנ קיינ עפעקט, אָדער געגעבנ א קליינעמ עפעקט, אפ וויפל זיי האָבנ איבער־געבויט אלטע פאבריקנ, געענדערט דעמ כאראקטער פונ דער פראָדוקציע, האָבנ „ראציאָנאליזירט”, אָבער די פראָדוקציע האָבנ זיי ניט פארגרעסערט, אָדער פארגרעסערט אינ א נישטיקנ פארנעמ.

אָט פארוואָס דער רעגירונג איז אויסגעקומענ אָפצושאפנ די רעקאָנסטרוקציע פונ א ריי פאבריקנ, אינ וועלכע מע האָט געזאָלט ארייַנלייגנ א סאכ געלט אָנ דעמ נייטיקנ עפעקט פונעמ שטאנדפונקט פונ ארויסלאָזנ צוגאָבלעכע פראָדוקציע.

כוץ דעמ, האָט זיכ די אלטע אויסשטאטונג אינ די זאוואָדנ אונ פאבריקנ געפונענ אינ א פארלאָזטנ צושטאנד, אָנ דעמ געהעריקנ רעמאָנט. דערפאר, האָבנ מיר די לעצטע צוויי יאָר, נאָכ דער ארייַנמישונג פונ דער פארטיי אונ רעגירונג, דערגרייכט דערצו, אז דער גרונט־טייל

פון דער אַלטער אויסשטאַטונג איז שוין געבראַכט געוואָרן אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד.

עס איז אויסערסט פאַרלאָזט געווען אויך די באַזע פון דער טעקסטיל־מאַשינבוייונג, אָבער אין פאַרלויף פון די דאָזיקע אָנדערהאַלבן יאָר, נאָך דער אַריינמישונג פון דער פּאַרטיי און רעגירונג, האָט זיך איינגעגעבן שנעל צו אַנטוויקלען די פּראָדוקציע פון די טעקסטיל־מאַשינען אויף די פּאָטערלענדישע זאַוואָדן, וואָס דאָס האָט אין 1938 יאָר געגעבן אַ צוּוואַקס מער פון 200 טויזנט שפּינדלען. אין 1939 יאָר איז לויטן פּלאַן אָנגעמערקט אַ צוּוואַקס אויף 600 טויזנט שפּינדלען, ד. ה. פאַר איין 1939 יאָר מער, ווי פאַר די 10 פאָריקע יאָרן.

אין רעזולטאַט פון די מאָסמיטלען, וואָס עס האָבן אָנגענומען די פּאַרטיי און די רעגירונג, שטעלט זיך די טעקסטיל־אינדוסטריע אויף די פיס.

די באַנייונג פון דער אָנפירונג פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע הייבט שוין אויך אָן צו געבן אירע פּרוכטן. און, מע דאַרף רעכענען, אַז דער פאָלקס־קאָמיסאַר פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע — כ׳ קאָסיגין וועט קענען אויספירן די טעקסטילער צו אַרבעטן אויף אַ באָלשעוויסטישן אופן.

מיט דער פראַגע וועגן אופהייבן דעם געוועט צווישן די טעקסטילער האָבן זיך פאַרנומען אויך די אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פון די טעקסטיל-ראַיאָנען, באַזונדערס דער איוואַנאָווער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי, ווי דער כאַוו. סעדין אָרגאַניזירט די טעקסטילער צו נייע זיגן און די קאָלאָסאַלע מערהייט פאַבריקן פון איוואַנאָווער געגנט פילט שוין אויס און שטייגט איבער זייערע פּלענער.

מע דאַרף רעכענען, אַז די טעקסטילער וועלן אוועקוואַרפן זייער איינגעגעסענע געוווינהייט — ניט אויספילן די פּראָגראַם און וועלן אָנייגענען אַ נייע געוווינהייט — אַלעמאָל פּינקטלעך אויספילן די פּראָגראַם. (אַפּלאָדיסמענטן.)

איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן אויפן צושטאַנד פון אַלע צווייגן פון דער לייכטער אינדוסטריע און שפּייז־אינדוסטריע, אויף דעם קאָלאָסאַלן

וווּקס פֿון דער פּראָדוקציע, באַזונדערס פֿון דער שפּײַז־אינדוסטריע, וועלכע האָט אויסגעפֿילט פּאַרן טערמין סײַ דעם ערשטן, סײַ אויך דעם צווייטן פֿינפֿיאָר, האָבנדיק דעריאָגט און איבערגעיאָגט אין טעכנישער הינזיכט און לויט די פּראָדוציר־טעמפּן די הויפּטלעכע לענדער פֿון קאַפּי־טאַליזם.

איך גיי אַרויס דערפֿון, אַז די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן פֿון די אַנטשפּרע־כיקע צווײַגן פֿון דער לײַכטער אינדוסטריע און שפּײַז־אינדוסטריע וועלן דאָ אַרויסטרעטן און דערציילן דעם צוזאַמענפֿאָר סײַ וועגן דעם צושטאַנד פֿון דער אינדוסטריע, סײַ אויך וועגן זייערע אויפֿגאַבן.

מיר איז אויסגעקומען צו ריידן מיט אייניקע טוער — דער מאַן און די פֿרוי זײַנען פֿאַרנומען מיט פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. די פֿרוי קלאָגט זיך: — „אַן אומגליק". וואָס איז? איר פֿאַרדינט ווייניק, צי וואָס? — „ניין, מיר פֿאַרדינען גוט, געלט איז פֿאַראַן גענוג, אַ דאַנק דער ראַטנמאַכט". איז וואָס זשע איז דער אומגליק? — „מיר קאָנען ניט געפֿינען קיין דינסט, מיר זײַנען געצוווּנגען אָפּצורײַסן צײַט פֿון דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַר־בעט, קעדיי אויפֿצוּעוען זיך מיט דער שטוב־ווירטשאַפֿט, צוגרייטן שפּײַז אד.ג.". זי האָט גערעדט וועגן דעם מיט אויפֿריכטיקן פֿאַרדראָס. פֿאַר איר איז דאָס אַן אומגליק, אָבער דער דאָזיקער „אומגליק" איז אַ גליק פֿון אונדזער גאַנצן סאָוועטישן פֿאָלק, אַ גליק דערפֿאַר, וואָס דאָס לעבן פֿון די פֿאָלקסמאַסן איז אַזוי איבערגעבויט געוואָרן, עס איז אַזוי אויס־געוואַקסן די פֿאַרמעגלעכקײַט פֿון דער באַפֿעלקערונג, אַז מע קאָן ניט געפֿינען אין דער נייטיקער צאָל מענטשן, וועלכע זאָלן וועלן זײַן דינסטן, שטוב־אַרבעטערנס, דערפֿאַר, ווײַל ס'איז ניטאָ קיין אַרבעטלאָזיקײַט, ס'איז ניטאָ קיין דאַכקעס. (אַ פּ לאָ ד י ס מ ע נ ט ן.)

אָבער איך מוז עמעצן פֿאַרשאַפֿן אַגמעסנעפֿעש און זאָגן, אַז דער דאָזיקער „אומגליק" וועט אויך אויף ווײַטער וואַקסן אַלץ מער און מער, ווײַל דאָס גליקלעכע פֿאָלק אונדזערס וועט ווײַטער נאָך ווייניקער האָבן כיישעק צו גיין פֿאַר אַ דינסט, און עס וועט טאָן רעכט. (ג ע ל ע כ ט ע ר.)

וואָס פֿאַר אַ אויספֿירן דרינגען דערפֿון אַרויס? אַרבעטן אויף אַ שטעלע דאַרף מען, ניט אַלע קאָנען זײַן אין דער היים, אין קיך. עס איז פֿאַראַן די

פולע מעגלעכקייט ארויסצוגיין פון דער דאָזיקער לאגע. מע קאָן מאכן אזוי, אז די מענטשן זאָלן קאָנען ארבעטן אפ א שטעלע און זאָלן קאָנען אין דער היים זיך באגיין אָן גרויסע דייגעס וועגן צוגרייטן שפייז און וועגן דער שטוב־ווירטשאפט.

אין דער דאָזיקער זאך האָבן מיר זיך שוין פיל אויסגעלערנט און דארפן זיך נאָך לערנען בא די אמעריקאנער. דאן, ווען בא די אמעריקאנער איז נאָך געווען אן אופבלי, עס האָט אויסגעפעלט ארבעט־קראפט, דאן איז אויך שווער געווען צו דינגען א דינסט. דעמלט האָבן די אמעריקאנער אנטוויקלט יענע אינדוסטריע־צווייגן, וועלכע פארלייכטערן די שטוב־ווירטשאפט.

וואָס דארפן מיר צוליב דעם טאָן? מע דארף פארברייטערן די פראָדוקציע פון גאזעווע און עלעקטרישע פליטעס, באקוועמע געפעס, פאָשעטער אויסשטאטונג אפ צו וואשן דאָס געפעס, שטויב־איינזאפערס, שטורבּיקע קעלטערס אאוו. מע דארף פאנאנדערוויקלען די נעץ געזעלשאפטלעכע וועשערייען און ווארשטאטן פון כימישער קליידער־ריי ניקונג, רעמאָנט־ווארשטאטן פאר שוכווארג, ווארשטאטן אפ פרעסן קליידער אאוו. אין מאָסקווע און לענינגראד איז שוין פאנאנדערגעוויקלט לויטן אמעריקאנישן טיפ די אָרגאניזירונג פון א ברייטער נעץ מעכאניזירטע רעמאָנט־ווארשטאטן, וואָס, אויב מע זאָל גוט אוועקשטעלן די זאך, און דאָס קאָנען מיר און דארפן טאָן, — קאָן מען אריינגיין אין ווארשטאט, אָפּגעבן פאריכטן די שיך, מע וועט זיי פאריכטן פאר 15—20 מינוט, אין דער זעלבער צייט פרעסט מען דיר אויס דעם קאָסטיום, און דו זיצסט און לייענסט זיך א צייטונג. (געלעכטער, אפלאָדיסמענטן.)

מע דארף אופבלאָזן די נעץ געזעלשאפטלעכע גאָרקיכן. פארוואָס קאָנען מיר דאָס ניט טאָן? אויך אין דעם דאָזיקן געביט שטייט די אופגאבע „דעריאָגן און אריבעריאָגן" און מיר דארפן אומבאדינגט וואָס גיכער דעריאָגן. (אפלאָדיסמענטן).

אינעם געביט פון שפייז־פראָדוקטן איז נייטיק אין דער גאנצער ברייט פאנאנדערוויקלען די פראָדוקציע פון פארטיקע און טיילוויין צוגעריכטע צום קאָכן און פרעגלען שפייז־פראָדוקטן, צום ביישפיל, טרוקענע

גרייטע פרישטיקן פון קוקורוזע, ווייץ און רײַז, סאָסיסקעס, וורשט, פאַר־שיידענע קאָנסערוון — פלייש־קאָנסערוון, מילך־קאָנסערוון, פון גאָרטנוואַרג און פרוכטן; טאָמאַט- און פרוכט־זאַפטן, געפרוירן און קאָנסערווירט, עטוואָס אָפּגעקאָכט, גאָרטנוואַרג — קוקורוזע, גרינעם באָב און אַרבעס; רויע ביפשטעקסן און געקלאַפּטע קאָטלעטן, ווי אויך פּאַרטיקע קאָטלעטן, פיש, אפריער אָפּגערייניקטע אַף די פיש־זאַוואָדן, און אַנדערע.

אונדזער שפּײַז־אינדוסטריע איז פולשטענדיק צוגעגרייט צו דערלייזן די דאָזיקע אויפגאַבע.

אַף וויפל אונדזער שפּײַז־אינדוסטריע איז אויסגעוואַקסן, קאָן מען אורטיילן כאָטשבי פון די פאָלגנדיקע ציפערן: קאָנסערוון איז אין 1937 יאָר פּראָדוצירט געוואָרן 877,2 מלן. פּושקעס לעגאַבע 484,6 מלן. פּושקעס אין 1932 יאָר; וורשט און גערייכערטע פּראָדוקטן איז אין 1937 יאָר פּראָדוצירט געוואָרן 326 טויזנט טאָן לעגאַבע 59,2 טויזנט טאָן אין 1932 יאָר; קאָטלעטן האָט מען אין 1932 יאָר ניט פּראָדוצירט, און אין 1937 יאָר האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט 56 מלן. שטיק; געפרוירענע פיש־פילע האָט מען אין 1932 יאָר אויך ניט פּראָדוצירט, און אין 1937 יאָר איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן 129 טויזנט צענטנער; זאַפטן האָט מען אָנגעהויבן פּראָדוצירן פונעם 1937 יאָר און אין דעם זעלבן יאָר האָבן מיר געגעבן 4,8 מלן. פּושקעס.

דערפון איז צו זען, אַז אויך אינעם פּראָדוצירן פּאַרטיקע און טייל־ווײַז צוגעריכטע שפּײַז־פּראָדוקטן זײַנען די אַמעריקאַנער מעטאָדן אויס־גענוצט געוואָרן אין פּססר, אָבער דערווײַל נאָך אין אַזעלכע מאַסשטאַבן, וואָס זײַנען ניט גענוג פאַר אַזאַ לאַנד, ווי אונדזערס. אַזוי, צום בײַ־שפּיל, ווערט אַפן מאָסקווער פלייש־קאָמבינאַט טעגלעך פּראָדוצירט ביז 300 טאָן פאַרשיידענע וורשט־אַרטיקלען און סאָסיסקעס, העכער 800 טויזנט שטיק פּאַרטיקע קאָטלעטן, 15—17 טאָן קרעפּלעך; אין עטלעכע מאָסקווער פאַב־ריקן פונעם פאָלקאָמאַט פון מילך־ און פלייש־אינדוסטריע (ניט גערעכנט די גאָרקיכן און רעסטאָראַנען) ווערט זומער טעגלעך פּראָדוצירט 55—60, און ווינטער באַ 25 טאָן אײַז־קרעם.

די אויפגאַבע באַשטייט דערין, אַז מע זאָל די דאָזיקע זאַך פאַנאַנ־

דערוויקלענ אינ דער פולער מאָס, אונ ניט בלויז אינ מאָסקווע אונ לענינגראד, כארקאָוו אונ קיִעוו, באקו אונ טביליסי, נאָר אויכ אינ אלע איבעריקע שטעט. אלע מעגלעכקײַטנ דערצו זײַנענ פאראנ. מע דארפ האָפנ, אז די נײַע פאָלקס־קאָמיסארנ — פונ דער שפּײַז־אינדוסטריע — כאוו. זאָטאָוו, פונ דער פלייש־ אונ מילכ־אינדוסטריע — כאוו. סמירנאָוו אונ פונ דער פיש־אינדוסטריע — כ־טע זשעמטשוזשינא, וועלכע פארמאָגנ אי קענטעניש, אי א געשמאק צו דער זאכ, אי גענוג ענערגיע, — וועלנ מיט דער דאָזיקער אופגאבע זיכ ספּראווענ, אונ אינגיכנ וועלנ מיר האָבנ א שעפע, א ווירקלעכע שעפע ערשטקלאסיקע פּראָדוקטנ פונ דער סאָוועטישער מארקע. (א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ.)

קעדיי די באלעבאָסטעס זאָלנ קאָנענ לעבנ בעסער אונ זיכ באגיינ אָנ דינסטנ, דארפ מענ נאָכ, אז די לײַכטע אינדוסטריע, די נײ־, שוכ־ אונ גאלאנטעריי־צווײַגנ זאָלנ זיכ אויכ צופּאסנ צו די באדערפענישנ פונ דער באפעלקערונג, זאָלנ אויסארבעטנ קליידער אונ שוכווארג פונ דער נייטיקער גרייס אונ פאסאָנ, אונ זאָלנ באפרײַענ די באלעבאָסטעס פונ דער נויטווענדיקײַט צו נייענ אליינ קליידער אָדער איבערצונייענ די געקויפטע פארטיקע קליידער.

די פּראָדוקציע פונ דער לײַכטער אינדוסטריע האָט אינ 1937 יאָר געגעבנ א וווּקס לעגאבע דעמ 1932 יאָר: לויט אייבערשטנ טריקאָטאזש — 276%, וועש־טריקאָטאזש — 447,8%, זאָקנ אונ שקארפּעטקעס — 223% אונ שוכווארג — 182%, אָבער דאָס איז נאָכ זייער ניט גענוג, אויב מע זאָל ניט פארגעסנ, וויפל עס איז בא אונדז פאראנ באפעלקערונג אונ ווי גרויס עס איז איר נאָכפרעג אפ די דאָזיקע סכוירעס. באזונדערס גרויס איז די הינטערשטעליקײַט לויט דער ליניע פונ דער קוואליטעט פונ די דאָזיקע אויסארבעטונגענ.

די לײַכטע אינדוסטריע דארפ ארויסלאָזנ אלע גאלאנטעריי־סכוירעס, וועלכע מיר דארפנ, דעריכ סכוירעס פונ הויכער קוואליטעט. צי איז ניט קיינ ביזויענ פאר די טוער פונ לײַכטינד, ווענ, לאָמיר זאָגנ, בא א פרוי זײַנענ פאראנ גוטע זאָקנ, זאָגט מענ — „מיסטאמע אויסלענדישע". פארוואָס קאָנ מענ ניט בא אונדז ארויסלאָזנ וואָס מער גוטע זאָקנ? אָדער נעמט

א גוטנ שניפּס, — זאָגט מענ — „מיסטאמע אנ אויסלענדישער“. פריִער איז אזוי געווענ מיט די שפּײַז־סכוירעס. אויב מע האָט פארקויפט א גוטנ געטראנק אָדער ליקיאָר, פלעגט מענ זאָגנ — „פאריזשער“, אָדער, אויב גוטע סאָסיסקעס, איז — „דײַטשישע“, גוטנ שאמפּאניער, פלעגט מענ זאָגנ — „פראנצויזישער“. איצט איז בא אונדז אפנ שפּײַז־געביט אלץ פאראנ סאָוועטישעס — אינ קוואליטעט ניט קיינ ערגערס, אונ אינ פיל פאלנ בעסערס ווי דאָס אויסלענדישע. פארוואָס זשע זאָל מענ ניט מאכנ אזוי, אז גוטע זאָקנ זאָלנ זײַנ ניט קיינ אויסלענדישע, נאָר סאָוועטישע זאָקנ, גוטע שניפּסנ זאָלנ זײַנ ניט קיינ אויסלענדישע, נאָר סאָוועטישע, אז אלע סכוירעס פונ ברייטנ געברויכ זאָלנ זײַנ אפנ ניוואָ אָדער בעסער פונ די אויסלענדישע מוסטערנ?

די דאָזיקע אופגאבע איז פאר אונדז לײַכט צו דערלייזנ. מיר האָבנ געלייזט גיגאנטישע אופגאבנ. ס'איז אָנגענעמ געווענ צו הערנ, ווענ דער כאוו. וואָראָשילאָוו האָט רעפערירט וועגנ דעמ, אז אינ פארלויפ פונ פינפ יאָר האָט אונדזער לאנד געגעבנ דער רויטער ארמיי 8 מלנ. פערד דורכ מאָטאָרנ. (געלעכטער.)

אופטאָנ דאָס קאָנ מענ אונ צײַט אפ דעמ דארפ מענ ניט קיינ סאכ. מע דארפ האָבנ א יאָר — צוויי מאקסימומ, קעדיי אײַנצואָרדענענ די דאָזיקע זאכ, אונ מיר וועלנ האָבנ אנ ערשטקלאסיקע פּראָדוקציע פונ ברייטנ געברויכ. מע דארפ, אז די אָרטיקע פּארטיי־אָרגאניזאציעס פונ די אינ־דוסטריִעלע שטעט זאָלנ זיכ אײַנשליסנ אינ דער דאָזיקער ארבעט.

דער עקאָנאָמראט האָט זיכ שוינ גענומענ פאר דער דאָזיקער זאכ, ער האָט אויסגעשריבנ אויסלענדישע מוסטערנ פונ סכוירעס, האָט געשאפנ אנ אָרגאניזאציע, וועלכע רופט ארויס די ווירטשאפטלער אונ זאָגט: „איר קאָנט דאָס מאכנ צי ניינ? אויב איר קאָנט, זאָגנ מיר צו געבנ א פּרעמיע, מיר וועלנ געבנ רוישטאָפ, ארבעט נאָר“. עטלעכע הונדערט זאוואָדנ האָבנ שוינ גענומענ אויסלענדישע מוסטערנ, האָבנ געשלאָסנ אָפּמאכנ אפ באהערשנ זיי אונ זיי ארבעטנ. אינגיכנ וועלנ מיר האָבנ צענדליקער אונ הונדערטער סאָרטנ סכוירעס לויט די בעסטע אויסלענדישע מוסטערנ, אָבער פונ סאָוועטישער פּראָדוקציע.

מע דארפ אופהייבנ די קוואליטעט פונ די סכוירעס ביז א הויכנ ניוואָ. מע דארפ מאכנ אזוי, אז מע זאָל מער ניט קוקנ אפ קיינ אויסלענדישע סכוירעס. מע דארפ מאכנ אזוי, אז ניט די פאריזשער אונ לאָנדאָנער, נאָר די מאָסקווער אונ לענינגראדער סכוירעס זאָלנ זײַנ די סאמע בעסטע. אונ דאָס קאָנ מענ טאָנ. אויב די טוער פונעם פאָלקאָמלײַכטינד ווילנ זײַנ ווירקלעכע באָלשעוויקעס, דארפנ זיי די דאָזיקע אופגאבע לייזנ אינעם קירצסטנ טערמינ. איכ וויל נאָכ ווענדנ אײַער אופמערקזאמקײַט אפ איינ אומשטאנד. בא אונדז זײַנענ שטארק צעבאלעוועט די ווירטשאפטלער. אונדזער לאנד איז זייער רײַכ מיט פארשיידנערליי רויווארג, בוימוואָל וויפל דו ווילסט פונ הויכער קוואליטעט, לײַנ — וויפל דו ווילסט פונ הויכער קוואליטעט. דעמ נידעריקנ סאָרט בוימוואָל ווארפט מענ ארויס, דעמ אָפפאל ווארפט מענ אָפ, מע מיינט, אז דער אָפפאל דארפ טאקע זײַנ אָפפאל. אונ אינ אויסלאנד קענ מענ פונעמ אָפפאל מאכנ פונקט אזוינע סכוירעס, ווי פונ גוטנ רויווארג. פארוואָס זשע נוצנ מיר ניט אויס דעמ דאָזיקנ אָפפאל? וואָס פאר א צעבאלעוועטקײַט? מיר קאָנענ אויכ אויסנוצנ, מיר קאָנענ דאָס אויכ טאָנ, נאָר מיר זײַנענ צעבאלעוועט. עס זײַנענ צעבאלעוועט פיל ווירטשאפטלער, אונ מע דארפ זיי צווינגענ צו ארבעטנ ווי ס'באדארפ צו זײַנ.

וואָס האָבנ מיר געטאָנ אינ דעמ דאָזיקנ געביט? לויט דער אייצע פונעמ כאווער סטאלינ האָבנ מיר פאראיאָרנ געמאָלדנ פרעמיעס די ווירטשאפטלער פאר אויסנוצנ דעמ נידעריקנ סאָרט בוימוואָל. איכ האָב איצט יעדיעס פונעמ פאָלקאָמלײַכטינד, אז אינ דער צײַט, ווענ פריער האָבנ די רעשטנ פונ נידעריקנ סאָרט בוימוואָל געהאלטנ אינ וואקסנ, האָבנ זיי זיכ איצט שטארק פארקלענערט.

הייסט עס, אז מע דארפ זיכ בלויז נעמענ, אונ ס'וועט בא אונדז אלצ זײַנ. מע דארפ זיכ שלאָגנ פאר דעמ, אז פונעמ אָפפאל זאָל מענ מאכנ סכוירעס, דאנ וועט בא אונדז זײַנ מער רויווארג אונ ס'וועלנ קאָסטנ ביליקער די סכוירעס. דערווײַל זײַנענ נאָכ אינ דער לײַכטער אינדוסטריע געמאכט געוואָרנ זייער באשיידענע שריט אינ דעמ דאָזיקנ געביט.

איצט, ווען די פּאָלקאָמאַטן זײַנען פאַנאַנדערגעטײלט געוואָרן, די טעקסטיל־אינדוסטריע איז באַזונדער און די לײַכטע באַזונדער, דאַרף מען רעכענען, אַז די לײַכטע אינדוסטריע און איר פּאָלקס־קאָמיסאַר כאַוו. לוקין וועלן זיך ווי ס'באַדאַרף צו זײַן נעמען פאַר באַדינען די באַפעלקערונג מיט געניי־סכוירעס, טריקאָטאַזש,־ גאַלאַנטערײ־ און שוכוואַרג־סכוירעס.

מע דאַרף האָבן אין זינען, אַז די פּאָלקאָמאַטן פון דער לײַכטער אינדוסטריע און שפּײַז־אינדוסטריע אַליין וועלן ניט לײזן די אויפגאַבן פון באַזאָרגן די באַפעלקערונג. פיל סכוירעס פּראָדוצירן די פּאָלקאָמאַטן פון דער שווערער אינדוסטריע און אַלע אַנדערע אינדוסטריעלע פּאָלקאָמאַטן פּראָדוצירן אויך סכוירעס פון ברייטן געברויך. צום בײַשפּיל, מעטאַלענע בעטן און מעבל, זייגערס, ראַדיאָ־אויפנעמערס, פּלאַסטינקעס, פּאַטעפאָנען, וועלאָסיפּעדן, קעלטערס, מעטאַל־געפעס, לעפל און אַנדערע זאַכן פּראָדוצירן פאַרשיידענע פּאָלקאָמאַטן, עס פּראָדוצירן די פּאָלקאָמאַטן פון דער שווערער און אָרטיקער אינדוסטריע. ניט־זשאַווערנדיק און ניקילירט שטאָל, — דאָס אַלץ גייט פאַרן ברייטן געברויך אין אַ גרויסער צאָל. מיר דאַרפן זיך דערשלאָגן, אַז די דאָזיקע פּאָלקאָמאַטן זאָלן ניט קוקן אויפן ברייטן געברויך, ווי אויף אַ דריטראַנגיקער זאַך, אַז זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט פּראָדוצירן זאַכן פון ברייטן געברויך ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

דער כאַווער סטאַלין האָט אויפן XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר געזאָגט:

„...6) פאַנאַנדערוויקלען די פּראָדוקציע פון סכוירעס פון ברייטן געברויך אין אַלע ווירטשאַפטלעכע פּאָלקאָמאַטן.

7) פאַנאַנדערבינדן די אָרטיקע סאָוועטישע אינדוסטריע, געבן איר אַ מעגלעכקײַט אַרויסצוווײַזן איניציאַטיוו אין פּראַט פון פּראָדוצירן סכוירעס פון ברייטן געברויך און געבן איר די מעגלעכע הילף מיט רויוואַרג און מיטלען".

מע דאַרף אָפן זאָגן, אַז עס ווערט ניט גענוג אויסגעפילט די דאָזיקע אָנווײַזונג פונעם כאַווער סטאַלין, וואָרעם די מעגלעכקײַטן זײַנען קאָלאָסאַלע, די באַדערפענישן זײַנען גרויסע, און אויפגעטאָן האָט מען נאָך ווייניק.

דער כאוועր סטאלינ האָט שוינ געבראכט ציפערנ, וועלכעריידנ וועגנ דעמ קאָלאָסאלנ וווּקס פונעמ סכוירע־אומזאצ אינ לאנד, אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ. מע דארפ אָבער אָנ זאָגנ, אז די באדערפענישנ פונ דער באפעלקערונג, דער מאטעריעלער ווילשטאנד אונ די האכנאָסעס פונ דער באפעלקערונג וואקסנ שנעלער, ווי עס אנטוויקלט זיכ דער סכוירע־אומזאצ, דערפונ נעמט זיכ דער איינרייס צווישנ די טעמפנ פונעמ וווּקס פונעמ נאָכפרעג אונ דעמ סכוירע־אומזאצ. אָט פארוואָס מיר וועלנ דארפנ פארשטארקנ דעמ סכוירע־אומזאצ, אָנעמענ ערנסטע מיטלענ צו פארבעסערנ דעמ האנדל.

דער צק אונ דער ראטפאָלקאָמ האָבנ זיכ ספעציעל באשעפטיקט מיטנ פארבעסערנ דעמ האנדל אינ דאָרפ, מיטנ פארפעסטיקנ די ארבעט פונ דער געברויכ־קאָאָפעראציע. עס זיינענ געמאכט געוואָרנ ערנסטע ענדערונגענ אינ דער ארבעט פונעמ צענטרפארבאנד, אונ איצט האָט די געברויכ־קאָאָפעראציע גענומענ פארבעסערנ איר ארבעט. פריער זיינענ דאָרט געזעסנ שעדיקער, אונ איצט זיינענ אינ דער שפיצ אוועקגעשטעלט געוואָרנ ערלעכע אונ געוויסנהאפטע מענטשנ.

אינעמ שטאָטישנ האנדל איז איצט שוינ צו באמערקנ א געוויסע פארבעסערונג, אָבער עס זיינענ נאָכ שוואכ די קאדרענ, עס איז נאָכ ניטאָ די געהעריקע אָרגאניזירונג, אז די געשטעלטע אופגאבנ זאָלנ דערלייזט ווערנ גוט. די דאָזיקע אופגאבנ שטייענ נאָכ אונדז פאָר אונ מע דארפ, אז די אָרטיקע אָרגאניזאציעס זאָלנ זיכ נעמענ ערנסט צו פארבעסערנ דעמ האנדל, ווייל דער פאָלקאָמהאנדל אונ דער צענטרפארבאנד אליינ זיינענ ניט בעקויעכ צו ספראווענ זיכ פונ צענטער מיט דער דאָזיקער זאכ.

עס איז געווענ א פלאָנטער אינ די פרייזנ, אינ דעמ זינ, וואָס די אָפלאָז־פרייזנ פלעגנ באשטעטיקט ווערנ פונ דער רעגירונג, אונ די איינצל־פרייזנ פלעגנ איינגעשטעלט ווערנ אפ די ערטער — פונ די האנדל־אָרגאניזאציעס, פונ די ראיאָנע געברויכ־געזעלשאפטנ, דאָרפישע געברויכ־געזעלשאפטנ דורכ ארופרעכענונגענ אפ דער אָפלאָז־פרייז פאר די ביי־הויצאָעס, פאר די הויצאָעס אפ טראנספאָרט אא. אָפט איז דאָס

געווען א באדן פאר מיסברויכונגען. וויפל דארפ מען האבן קאלקוליאטארס, קעדיי אט דאס אלצ ריכטיק צו קאלקולירן?

איצט האט מען שוין די זאך פאריכט דורכ דעמ, וואס אפ דער מערהייט סכוירעס האט די רעגירונג באשטעטיקט פעסטע איינצל-פרייזן און דער געברויכער קאן דורכקאנטראלירן די פרייזן לויט די פרייזקוראנטן, וואס זיינען באשטעטיקט פונעמ עקאנאמראט און וואס קיינער האט ניט דאס רעכט צו ענדערן זיי.

עס איז געווען א פלאנטער אויכ אין די אפלאז־פרייזן פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, וואס מאכמעס דעמ האט די אינדוסטריע בא אייניקע סארטן מאנופאקטור געהאט אויבער־רעוועכ, און בא אנדערע סארטן — גרויסע פלאנעווע העזייקעס. די ווירטשאפטלער האבן זיכ געסטארעט איבערצושטייגן דעמ רעוועכ־אסארטימענט און ניט אויספילן דעמ העזייקעס־אסארטימענט, און דער העזייקעס־אסארטימענט איז פאר אונדז ניט ווייניקער וויכטיק, ווי דער אויבער־רעוועכ־אסארטימענט.

איצט האט די רעגירונג דאס אלצ פאריכט.

בא אונדז ווערט מען פארכאפט מיט גרויסע אוניווערמאגן. מע וויל האבן גרעסערע אוניווערמאגן, ווי אין אמעריקע, און פאר אונדז זיינען זיי ניט אנגעמאסטן אין געגעבענעמ מאמענט. מיר דארפן האבן מער מיטעלע און קליינע מאגאזינען, וואס זיינען צעווארפן איבער די טערריטאריעס פון די שטעט און ראיאנען.

דער סכוירע־אומזאצ איז בא אונדז אויסגעוואקסן אפ 178%, און די נעצ מאגאזינען איז אויסגעוואקסן בלויז אפ 25%. ס'איז ווייניק. מע דארפ בויען מער קלייטן.

נאכ ערגער האלט עס מיט די האנדל־סקלאדן. באמ קאלאסאלן וווקס פונעמ סכוירע־אומזאצ איז די נעצ סקלאדן אויסגעוואקסן פארן פינפיאר בלויז אפ 35%. סקלאדן זיינען פאראנ ווייניק, די סכוירעס ווערן אפגעלייגט ניט דארט, ווו מע דארפ, צומאל ווערן זיי קאליע, דאס, וואס עס פעלן אויס סקלאדן, שאפט א באדן פאר מיסברויכונגען און גנייוועס.

אין די ווייטע צענטערס דארפ מען באזונדערס האבן סקלאדן צו־

ליב דעם, קעדיי האלטנ א רעזערוו סכוירעס אפנ פאַל, אויב מע וועט פארשפעטיקנ מיטנ צופירנ סכוירעס, צוליב דעם, קעדיי אונטערקלײַבנ דעם אסאָרטימענט אונ באזאָרגנ די מאגאזינענ אונ אײַנרעגולירנ, אז דער האנדל זאָל גיינ אָנ איבערשלאָגנ.

דער כאווער סטאלינ האָט געווענדט אונדזער אופמערקזאמקײַט נאָכ פאראיאָרנ דערופ, אז דער פאָלקאָמהאנדל אונ דער צענטרפארבאנד האנדלענ מיט מער כיישעק אינ די צענטראלע ראיאָנענ אונ ניט גערנ פירנ זיי ארײַנ סכוירעס אינ דער פראָווינצ. אונ אינ דער פראָווינצ אונדזערע ווערנ אופגעטאָנ זייער וויכטיקע זאכנ, אינ דער דאָזיקער פראָווינצ געפינענ זיכ פיל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, דאָרט ווערט פראָדוצירט ברויט אונ טעכנישע קולטורנ.

אינ א ספעציעלער באשטימונג פונעמ צק אונ ראטפאָלקאָם איז וועגנ דעמ געזאָגט געוואָרנ, אז: „אדאנק דעמ שטארקנ וווקס פונ דער פראָדוקציע פונ דער לאנדווירטשאפט סײַ פונ דער טוווע־ווירטשאפט אונ פונ דער פיצוכט, סײַ אויכ פונ די טעכנישע קולטורנ, וואקסט דער נאָכפרעג פונ דער פויערשער באפעלקערונג אפ סכוירעס פונ ברייטנ געברויכ ניט מיט יעדנ טאָג, נאָר מיט יעדער שאָ. די אָרגאנענ פונעמ פאָלקאָמהאנדל אָבער אונ באזונדערס דער צענטרפארבאנד איגנאָרירנ דאָס דאָרפ אונ באזונדערע צענטערס, זיי ווייסנ ניט דעמ נאָכפרעג פונעמ דאָרפ אונ פירנ ניט גערנ ארײַנ סכוירעס".

קעדיי צו פאריכטנ די דאָזיקע לאגע אונ צו פארבעסערנ דעמ האנדל ביכלאל, אינ דאָרפ אונ אינ די ווײַטע צענטערס באזונדערס, איז פאר דער דאָזיקער צײַט פיל אָפּגעטאָנ געוואָרנ, עס שטייט נאָכ אָבער פאָר א גרויסע ארבעט, קעדיי די ארמיי האנדלס־טוער זאָל אָנהייבנ ארבעטנ אפ א באָלשעוויסטישנ אויפנ.

די פראגנ פונ אויסערנ־האנדל

כאוויירימ, דערלויבט צו מאכנ עטלעכע באמערקונגענ איבער די פראגנ פונ אויסערנ־האנדל.

דער צווישנפעלקערלעכער האנדל האָט דורכגעמאכט אזעלכע ראדי־

קאַלע ענדערונגענ, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אדאנק דעם צושטאנד, וואָס הערשט אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער, וועלכע דער כאוור סטאלינ האָט אונדז אויסגעמאָלט אינ זײַנ פאָרטראָג. א טייל לענדער, ווי דײַטשלאנד, איטאליע א.אנד. זײַנען שוינ אריבער צו דער עקאָנאָמיק פונ קריגס־צײַט. אנדערע לענדער, וואָס זײַנען רײַכ מיט וואליוטע, מאכנ באזונדערע שריט אינ דער דאָזיקער ריכטונג אונ גייענ מיט דעם זעלבנ וועג. פיל לענדער האָבנ אײַנגעשטעלט א פארבאָט אפ ארויספירנ זייער וואליוטע אונ האָבנ אָפּגעשאפט די פרײַהײַט פונ אויסבײַטנ זי אפ אויסלענדישער וואליוטע, צווינגענדיק אויסצוגעבנ דאָס לייז-געלט פונעמ פארקויפ אינעמ זעלבנ לאנד, אונ אויב ניט אויסגעבנ, איז איבערלאָזנ עס אינ די בענק אינ א פארגליווערטנ צושטאנד, דה. פינאנסירנ דאָס דאָזיקע לאנד.

איצט האנדלט מענ שוינ ניט נאָר אפ די בירזשעס, אינ די קאָנצערנענ אונ פירמעס, נאָר מע האנדלט אינ די מיניסטאָרנ-קאבינעטנ פונ די בורזשואזע רעגירונגענ. איצט אנטשיידט שוינ ניט אזוי די קאָנקורענצ פונ פריוואטע פירמעס, וואָס פאר אנ אָרט די אָדער יענע סכוירע זאָל פארנעמענ אפנ מארק, ווי די מעלוכישע מאָסמיטלענ, די פארבאָרגענע אונ אָפענע, אונ די אָפּמאכנ וועגנ עקספּאָרט־ אונ אימפּאָרט־קאָנטינגענטנ צווישנ די מעלוכעס — וועמענ, וויפל אונ וואָסערע סכוירעס ארײַנצופירנ.

דערפונ נעמט זיכ, וואָס די פראגנ פונ אויסערנ־האנדל וואקסנ אלצ שארפער אריבער אינ דער אויסערנ־פאָליטיק פונ די מעלוכעס.

אינ אונדזער אויסערנ-האנדל קומט אויס צו רעכענענ זיכ מיט דעם, וואָס פאר א רעזשימ פונעמ אויסערנ-האנדל עס איז אײַנגעשטעלט אינ דעמ אָדער יענעמ לאנד אונ וועלכע פאָליטישע באציִונגענ עקזיסטירנ צווישנ פססר אונ די דאָזיקע לענדער, ווײַל די האנדלס־באציִונגענ, זייער כאראקטער אונ פארנעמ, געפינענ זיכ אינ א דירעקטער אָפּהענגיקײַט פונ די פאָליטישע באציִונגענ. פונדאנענ נעמט זיכ די פארשיידנארטיקײַט פונעמ כאראקטער פונ די האנדלס־אָפּמאכנ אונ פארשטענדיקונגענ, וואָס זײַנענ געשלאָסנ געוואָרנ צווישנ פססר אונ די אנדערע לענדער.

מיר האָבן געשלאָסן די לעצטע צײַט א רײ אָפּמאכן. באזונדערס די אונטערהאנדלונגען, וועלכע האָבן זיך געפירט אין משך פון איין יאָר צײַט צווישן פּסר און איטאליע, האָבן זיך ניט לאַנג פאַרענדיקט מיטן אונטערשרײַבן א פאַרשטענדיקונג וועגן דעם פאַרנעם פון די האַנדלס־אומזאַצן מיט דעם דאָזיקן לאַנד. עס איז אויך געשלאָסן געוואָרן א האַנדלס־אָפּמאַך צווישן אונדזער לאַנד מיט פּוילן.

דער זיג פונעם סאָציאַליזם אין פּסר האָט ראַדיקאַל געענדערט דעם כאַראַקטער פונעם אויסערן־האַנדל פונעם פאַרבאַנד. וואָס פאַר א ענדערונגען זײַנען דאָס ?

אינעם 1־טן פינפיאָר איז אונדזער אויסערן־האַנדל־באַלאַנס און דער צאָלונגס־באַלאַנס געווען אן אָנגעשטרענגטער. אינעם פּעריאָד פונעם 1928 ביזן 1932 יאָר אײַנגעשלאָסן האָט דער אויסערן־האַנדל־באַלאַנס פונעם פאַרבאַנד געגעבן א פּאַסיוו פון 465,5 מלן. אמעריקאַנער דאָ-לער, און אין די ווײַטערדיקע פינף יאָר פונעם 1933 יאָר ביזן 1937 יאָר אײַנגעשלאָסן האָבן מיר געהאַט אן אַקטיווע סאַלדאָ פון 455,3 מלן. אמעריקאַנער דאָלער. פריִער, ווען מיר זײַנען געווען אָרעם אין וואַליוטע, האָבן מיר אָפּט גענומען בא פאַרשיידענע בענק א קרעדיט זייער א טײַערן, די פירמעס האָבן בא אונדז געריסן גרויסע פּראָצענטן, פיל פון זיי זײַנען פון די דאָזיקע פּראָצענטן רײַך געוואָרן. איצט האָבן מיר שוין ניט בלויז אויפגעהערט צו באַנוצן זיך מיט אַזעלכע קרעדיטן, נאָר קעדיי ניט צאָלן קיין הויכע פּראָצענטן פאַר זיי, האָבן מיר זיך באַמיט פאַרן טערמין צו דעקן די דאָזיקע קרעדיטן. מיר האָבן גענומען קויפן מער פאַר מעזומענע געלט, קעדיי ניט איבערצאָלן אין דער פּרײַז. אָפּט זאָגן מיר זיך איצט אָפּ פון קרעדיטן, וועלכע מע לייגט אונדז פאָר, און מיר נעמען זיי דאַן, ווען זיי זײַנען ביליקע און זיי ווערן געגעבן אף א דויערהאַפטן טערמין.

אינעם פּעריאָד, ווען מיר זײַנען נאָך געווען אָפּגעשטאַנענע און אָרעם, עס איז נאָך בא אונדז ניט געווען קיין אייגענע אַנטוויקלטע מאַשינבויונג, און די אינדוסטריע האָט מען געדאַרפט בויען אום יעדן פּרײַז, זײַנען מיר געווען געצוווּנגען אַרויסצופירן קיין אויסלאַנד פיל

רויוואַרג און דערנערונגס־פּראָדוקטן, אין וועלכע מיר האָבן זיך אַליין געניייטיקט, און אַרויסגעפֿירט האָבן מיר עס צוליב דעם, קעדיי באַקו־מען וואַליוטע, און פֿאַר דער וואַליוטע קויפֿן וואַרקשטעלן פֿאַר דער אינדוסטריע, אויסשטאַטונג פֿאַר די טראַקטאָר־ און אויטאָמאָביל־זאַוואָדן.

מיר האָבן, צום בײַשפּיל, אין 1933 יאָר אַרויסגעפֿירט 37,2 טויזנט טאָן פּוטער, 23.300 טאָן בוימל, 19 טויזנט קעסטלעך אייער, 2,3 טויזנט טאָן בעקאָן און 5 טויזנט טאָן אויפּעס.

איצט פֿירן מיר ניט אַרויס ניט קיין פּוטער, ניט קיין בוימל, ניט קיין אייער, ניט קיין בעקאָן, ניט קיין אויפּעס, ווײַל מיר פֿאַרברײַטערן דעם אינערלעכן געברויך, און דער גאַנצער צוּוווּקס, ווי אויך יענע פּראָ־דוקטן פֿון אויסגעצייכנטער קוואַליטעט, וואָס זײַנען פֿריִער געגאַנגען אַפּ עקספּאָרט, גייט אין אונדזערע מאַגאַזינען. (א פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט ן.)

ניט געקוקט אַפֿן גרויסן וווּקס פֿון דער פּראָדוקציִע פֿון בענזין, קעראָסין, אײַזנאַרץ און אייניקע אַנדערע סכוירעס, איז דער עקספּאָרט פֿון זיי פֿאַרקירצט געוואָרן אָדער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. די דאָזיקע סכוירעס גייען אויך פֿאַרן אינערלעכן געברויך.

איצט מיטן זיג פֿונעם סאָציִאַליזם איז דאָס לאַנד אַפּ אַזויפֿיל רײַך געוואָרן, אַז סע קאָן זיך פֿאַרגינען איבערלאָזן פֿאַר זיך אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק, און אַרויספֿירן בלויז דאָס, וואָס איז איבעריק.

אונדזער לאַנד איז איצט אַזוי שטאַרק אין עקאָנאָמישער הינזיכט, אַז אָן דעם אימפּאָרט קאָן עס אין גרונט באַפֿרידיקן זײַנע באַדערפֿענישן. דעם אימפּאָרט נוצן מיר אויס דעריקער פֿאַר אַ מער פֿאָרסירטער אַנטוויקלונג פֿון די אָדער יענע צווײַגן, ווי דאָס דערלויבן בא הײַנטיקן טאָג אונ־דזערע מעגלעכקײַטן.

דער כאַראַקטער פֿון אונדזער אימפּאָרט פֿאַרדינט אויך אַ באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקײַט, ווײַל עס פֿרעוואַלירט אין אים דער אַרײַנפֿיר פֿון מאַ־שין־אויסשטאַטונג און וואַרקשטעלן.

דאָס סאַמע מערקווירדיקע איז דאָס, וואָס, צום בײַשפּיל, אין 1928 יאָר האָט דאָס ספּעציפֿישע געוויכט פֿון דער אימפּאָרטירטער מאַשין־אויסשטאַטונג באַטראָפֿן לעגאַבע דער אינערלעכער סאָוועטישער פּראָדוק־

ציע פונ דער זעלבער אויסשטאטונג 43%, אונ איצט אינ 1937—1938 יאָר איז דאָס ספּעציפֿישע געוויכט דערגאנגענ ביז 0,94%, אונ ניט אזוי דורכ דער פארקלענערונג פונעמ אימפּאָרט, ווי דורכ דער פארברייטערונג פונ דער אינערלעכער סאָוועטישער פּראָדוקציע פונ מאשינעס אונ ווערקשטעלנ.

דאָס איז א באווייַז פונ די ריזיקע איבערוקנ אינ דער עקאָנאָמיק פונ פּססר, וועלכע ריידנ וועגנ דעמ, אז מיר זייַנענ ווירקלעכ אנ אינדוסטריעל לאנד אונ פּראָדוצירנ אינ א קאָלאָסאלנ מאסשטאב מאשינעס אונ ווערקשטעלנ.

אינ די לענדער פונ קאפּיטאליזמ ברענגט דער קריזיס צו א פארקלענערונג פונעמ עקספּאָרט אונ אימפּאָרט. בא אונדז, ווידער, איז פאראנ א געוויסע פארקלענערונג פונעמ עקספּאָרט אונ אימפּאָרט אדאנק דער פארגרעסערונג פונ דער פּראָדוקציע אפ דער באזע פונ א פארברייטערטנ געברויכ. אשטייגער, דער אימפּאָרט פונ שווארצע מעטאלנ האָט זיכ פארקלענערט פונ 908 טויזנט טאָנ אינ 1932 יאָר ביז 145 טויזנט טאָנ אינ 1938 יאָר. דאָס איז ניט דערפאר, ווייַל מיר געברויכנ ווייניקער מעטאל. ניינ, דער געברויכ פונ מעטאל איז בא אונדז שטארק אויסגעוואקסנ. די זאכ איז דערינ, וואָס עס איז בא אונדז אויכ אויסגעוואקסנ די סאָוועטישע פּראָדוקציע פונ מעטאלנ. מיר פירנ אריינ נאטורעלנ קאוטשוק עטוואָס ווייניקער ווי אינ די יאָרנ 1928—1929, אונ דער געברויכ פונ קאוטשוק איז אויסגעוואקסנ אינ עטלעכע מאָל.

אָדער, אשטייגער, טיי, וואָס דער אימפּאָרט פונ דעמ האָט זיכ פארקלענערט. אינ 1932 יאָר האָבנ מיר אריינגעפירט 15.900 טאָנ, אונ אינעמ פאָריקנ, 1938 יאָר האָבנ מיר אריינגעפירט בלויז 13 טויזנט טאָנ. דערבייַ האָט זיכ דער געברויכ פונ טיי אינ לאנד ניט פארקלענערט, — ער איז שטארק אויסגעוואקסנ אונ, ווי דער כאווער טשארקוויאני האָט דאָ דערציילט, ווענ אלע פארפלאנצטע טיי־קוסטעס וועלנ געבנ א פולע גערעטעניש, וועלנ מיר אופהערנ אריינפירנ טיי אונ אויסגעבנ וואליוטע אפ איינצוקויפנ טיי. אינ 1932 יאָר האָבנ מיר פארברויכט 16.500 טאָנ טיי, דערונטער בלויז 600 טאָנ סאָוועטישנ, אונ אינ 1938 יאָר האָבנ מיר פארברויכט 20 טויזנט טאָנ טיי, דערונטער סאָוועטישנ טיי — 7 טויזנט טאָנ.

און דער כאוו. טשארקוויאני האָט געזאָגט, אַז צום סאָפּ דריטן פינפיאָר קלייבן זיי זיך געבן 20 טויזנט טאָן סאָוועטישן טיי בלויז פון גרוזיע אליין, און טיי פּראָדוצירט דאָך אויך אזערביידזשאַן.

איצט פאַרמאָגן מיר אייגענעם טיי, דערביי איז אונדזער טיי פונקט דער זעלבער, גיכער נאָך א בעסערער, א געשמאַקערער, ווייל דאָס איז סאָוועטישער טיי, אונדזער אייגענער טיי, ניט קיין אויסלענדישער. (אפלאָדיסמענטן.)

דאָס זעלבע — מיר קויפן וויניקער איין אין אויסלאַנד ציטרוס־פּרוכטן, און ניט דערפאַר, ווייל מיר פאַרקלענערן דעם געברויך, דער געברויך וואַקסט בא אונדז פון יאָר צו יאָר, נאָר דערפאַר, ווייל מיר באַקומען זיי פון דער זוניקער גרוזיע. בא אונדז זיינען פאַראַן בליענדיקע סעדער פון ציטרינען־, מאַנדאַרינען־און מאַראַנצן־ביימער, וועלכע האָבן אין 1938 יאָר געגעבן 240 מלן. שטיק, און אין 1939 יאָר וועלן זיי געבן ביז א האַלבן מיליאַרד שטיק און אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען די פאַרפלאַנצטע ביימער וועלן אויסוואַקסן, וועט מען קאָנען האָבן העכער 2 מיליאַרד ציטרוס־פּרוכטן, פון יענע ערטער, ווו עס האָבן פריער געהערשט קאָמאַרן און מאַליאַריע, און ווו עס האָט באַלעבאַטעוועט דער דאַלעס פון דאָרף. די גרוזינישע קאָמוניסטן אין דער שפּיץ מיטן כ׳ לאַווורענטי בעריאַ האָבן אויפגעטאָן א הערלעכע אַרבעט אין מייִרעוו־גרוזיע, ווו באַזונדערע ווינקעלעך זיינען שוין איצט בעסער פון קאַליפאָרניע און עס איז ניט ווייט די צייט, ווען ס׳וועט בא אונדז זיין אונדזער אייגענע סאָוועטישע קאַליפאָרניע, א בעסערע פון דער אַמעריקאַנער. (אפלאָדיסמענטן.)

מיר ענדערן די אַרבעט־מעטאָדן פונעם אויסערן־האַנדל אין דער ריכטונג פון פאַרבעסערונג, באַזונדערס ענדערן מיר די מעטאָדן פון פּלאַנירונג.

עס איז שוין געמאַכט געוואָרן א סאָך צו דער פאַרמיסטיקונג פונעם אויסערן־האַנדל מיט שפּיאָניש־שעדיקערישע עלעמענטן, וועלכע האָבן אויסגענוצט מעלוכישע מיטלען אָפּ צו האָדעווען די טראָצקיסטישע אויסוווּרפן.

מיר וועלן זיך דערשלאָגן דערצו, אַז אין אַלע אָרגאַנען פונעם

פּאָלקאָמויסערן־האנדל אפּ יעדע אמטן אין אויסלאנד זאָלן זיצן דורכ־געקאָנטראָלירטע, ביזן סאָפּ איבערגעגעבענע דער ראטנמאכט, ווירדיקע פּאָרשטייער פונעם ראטנפארבאנד און זיי זאָלן מיט זיך פאָרשטעלן אן אומצוטריטלעכע פעסטונג קעגן קאפּיטאליזם, קעגן זייַן צעלייגונגס־ארבעט, קעגן די שפּיאָנישע אָנפאל-פּלענער פון די אויסלענדישע אויסשפּירונגען.

מיר קלייַבן צו אזעלכע טרייַע זין פון אונדזער היימלאנד פאר ארבעט אין אויסלאנד, אז מיר זאָלן קאָנען שטאָלצירן מיט די סאָוועטישע אויסלענדישע טוער. (אפּלאָדיסמענטן.)

דאָס צוקלייַבן קאדרען און דאָס קאָנטראָלירן די אויספילונג

כאווײרים, די דערפאָלגן פון אונדזער פארטיי וואָלטן געווען א סאך גרעסערע, ווי די, וואָס מיר האָבן איצט, ווען מיר וואָלטן געארבעט בעסער, ווען די אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט פון דער פארטיי וואָלט פולשטענדיק געווען אפּ דעם ניוואָ, אפּ וועלכן עס געפינט זיך די פּאָליטישע ליניע פון אונדזער פארטיי.

וולאדימיר איליטש האָט שטענדיק געזאָגט, אז די הויפּט־זאך אין דער ארבעט, דאן, ווען עס איז דאָ א ריכטיקע ליניע, — דאָס איז צוקלייַבן קאדרען און קאָנטראָלירן די אויספילונג. דאָס זעלבע ווייַזט אונדז אָן דער כאווער סטאלין.

דער כאווער סטאלין האָט אפּן XVII פארטיי-צוזאמענפאָר געווידמעט א ספּעציעלן קאפּיטל אין זייַן פּאָרטראָג דעם קאָנטראָל פון דער אויספילונג און דעם צוקלייַבן קאדרען. דאָס איז ניט פּאָשעט א קאפּיטל פון א פּאָרטראָג, דאָס איז א גאנצע לערע וועגן דער אָרגאניזאציאָנעלער פראגע, דאָס איז די אָרגאניזאציאָנעלע וויסנשאפט פונעם באָלשעוויזם.

מיר קענען נאָך ניט ביזן סאָפּ באָלשעוויסטיש ארבעטן. בלויז א ווילן צו ארבעטן באָלשעוויסטיש איז ווייניק. מע דארפ זיך איבערדערציִען, מע דארפ אויסארבעטן א כאראקטער, אז אויב א קאָנטראָל, — זאָל ער זייַן א סיסטעמאטישער.

אָט וואָס עס האָט געזאָגט דער כאַווער סטאַלינ אפנ XVII צוזאמענפאָר: „נאָכ דעמ, ווי עס איז געגעבנ א ריכטיקע ליניע, נאָכ דעמ, ווי עס איז געגעבנ א ריכטיקע ליזונג פונ דער פראגע, הענגט אָפּ דער דערפאָלג פונ דער זאכ פונ דער אָרגאניזאציאָנעלער ארבעט, פונעמ אָרגאניזירנ דעמ קאמפ פאר דורכפירנ אינ לעבנ די פארטיי־ליניע, פונעמ ריכטיקנ צוקלײַבנ די מענטשנ, פונ קאָנטראָלירנ די אויספילונג פונ די באשלוסנ פונ די אָנפירנדיקע אָרגאנענ. אָנ דעמ ריזיקירנ די ריכטיקע פארטיי־ליניע אונ די ריכטיקע באשלוסנ צו לײַדנ ערנסטנ שאָדנ. נאָכ מער: נאָכ דעמ, ווי עס איז געגעבנ א ריכטיקע פאָליטישע ליניע, אנטשיידט די אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט אלצ, דערינ אויכ דעמ גורל פונ דער פאָליטישער ליניע גופע, — איר אויספילונג, אָדער איר דורכפאל... דער איקער אינ דער אָרגאניזאציאָנעלער ארבעט — דאָס איז צוקלײַבנ מענטשנ אונ קאָנטראָלירנ די אויספילונג".

קעדיי אָנצופירנ אפאנעמעסנ, דארפ מענ ניט בלויז צוגרייטנ א ריכטיקע לייזונג פונ דער פראגע, נאָר אויכ אָנעמענ מיטלענ צו זיכערנ די אויספילונג, באופטראָגנ די אויספילונג אבסאָליוט דורכגעקאָנטראָלירטע מענטשנ, קאָנטראָלירנ דעמ גאנג פונ דער אויספילונג, זיכ ארײַנמישנ אינעמ גאנג פונ דער אויספילונג, ארײַנטראָגנ די געהעריקע אויסבעסערונגענ, אויב זיי ווערנ דיקטירט דורכ דער נויטווענדיקײַט, קאָלזמאנ די זאכ איז ניט אָפּגעטאָנ געוואָרנ ביזנ סאָפּ.

אונ אָט בא אונדז פאסירט אָפּט אזוי: מע שרײַבט אָנ א גוטנ באשלוס (אָנשרײַבנ א גוטנ באשלוס איז, פארשטייט זיכ, א גרויסע זאכ), דערנאָכ גייט מענ אריבער צו א צווייטנ גוטנ באשלוס, אונ ווי אזוי ס'וועט גייג די אויספילונג פונ דעמ ערשטנ באשלוס — אינטערעסירט מענ זיכ ניט.

א גוטער באשלוס — וואָס ווערט ניט געזיכערט דורכ דער אויספילונג — דאָס איז א פוסטער שאָס. אינ דער פראקטיק ווערנ אָפּט באשלוסנ פארוואנדלט אינ א פוסטנ שאָס, דערפאר ווײַל באמ באשליסנ זײַנענ ניט אָנגענומענ געוואָרנ קיינ מיטלענ צו זיכערנ די אויספילונג,

עס זײַנענ ניט אינסטרוקטירט געוואָרנ די אויספילער, עס ווערט ניט געפירט קיינ דורכקאָנטראָלירונג פונ דער אויספילונג אינ גאַנג.

אזא פראקטיק מאכט, כוצ דעמ, קאליע די קאדרענ, ווײַל זיי געווינענ זיכ צו ניט-אויספילנ אָדער ניט פינקטלעכ אויספילנ די באשלוסנ פונ די העכער-שטייענדיקע אָרגאנענ. וואָס זשע איז עס פאר א באָלשעוויסטישע ארבעט, אויב עס ווערט אָנגענומענ א גוטער באשלוס און ער ווערט ניט דורכגעפירט אינ לעבנ? עס באקומט זיכ אנ איינרײַס צווישנ וואָרט און טאט, און דער כאווער סטאלינ לערנט אונדז, אז בא א באָלשעוויק טאָר ניט זײַנ קיינ שומ איינרײַס צווישנ וואָרט און טאט, עס דארפ זײַנ א פולע אנטשפּרעכיקייט צווישנ וואָרט און טאט, און אויב אָבער מיר וועלנ ניט זיכערנ די דורכקאָנטראָלירונג פונ דער אויספילונג — וועט זײַנ אנ אומפארמײַדלעכער איינרײַס.

וויאזוי, אשטייגער, קאָנטראָלירט מענ דורכ די מענטשנ? מע קאָנטראָלירט דורכ די אנקעטע און שוינ. עמעס, אנ אנקעטע דארפ מענ, נאָר קאָנ מענ דענ בלויז דורכ אנ אנקעטע דורכקאָנטראָלירנ א מענטשנ? אָבער א גוטער, סיסטעמאטישער קאָנטראָל פונ דער אויספילונג וועט באווײַזנ, ווער עס ארבעט גוט, ווער עס איז א פויליאק, ווער עס איז א געוויסנהאפטער, ווער עס איז א סאבאָטאזשניק און א ביוראָקראט, ווער עס איז אנ ערלעכער, ווער עס איז א פייקער און ווער א האָפענונגסלאָזער, וועמענ דארפ מענ ארויסרוקנ און סטימולירנ און פונ וועמענ דארפ מענ פּאָטער ווערנ.

אינ די לעצטע צוויי—דרײַ יאָר האָט די פארטיי אויסשליסלעכ דערפאָלגנ אינעמ אופשטײַג פונ דער אָרגאניזאציאָנעלער ארבעט, אינ פראט פונ אונטעריאָגנ די אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט פונ דער פארטיי צומ ניוואָ פונ דער פּאָליטישער ליניע. מיר קאָנענ נאָכ דערוויל ניט זאָגנ, אז מיר האָבנ פולשטענדיק ליקווידירט די הינטערשטעליקייט פונ דער אָרגאניזאציאָנעלער ארבעט לעגאבע דער פּאָליטישער ליניע, אָבער די דערפאָלגנ, וואָס די פארטיי האָט אָפּגעהאלטנ אינ דעמ דאָזיקנ געביט, דאָס קאָנסעקווענטע דורכפירנ אינ לעבנ די אָנווײַזונגענ פונעמ כאווער סטאלינ אפנ XVII-טנ פארטיי-צוזאמענפאָר וועגנ צוקלײַבנ קאדרענ און

קאָנטראָלירנ די אויספילונג, — דאָס דארפ אונדז זיכערנ דאָס אופהייבנ די אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט אפ דער זעלבער הויכער אנטוויקלונג־שטופע, אפ וועלכער עס איז אופגעהויבנ די פאָליטישע ליניע פונ דער פארטיי.

כאווײרימ, מע וועט אונדז איצט מיט קיינ שומ דערפאָלגנ ניט פאר־כידעשנ. אונדזער פאָלק וועט מענ איצט מיט גאָרנישט ניט פארכידעשנ אונ מיט גאָרנישט ניט אָנשרעקנ. פרעגט זיכ, פארוואָס איז עס? דערפאר ווײַל די געשיכטע האָט אונדז צעבאלעוועט מיט זיגנ. וועמענ האָבנ מיר צו פארדאנקענ, וואָס דאָס פילמיליאָניקע לאנד האָט זיכ פארייניקט אינ איינ גאנצער סאָציאליסטישער מעלוכע, וואָס קיינער קאָנ זי ניט באַזיגנ? דאָס האָבנ מיר צו פארדאנקענ לענינענ, דעמ גרעסטנ געני פונ דער מענטשהײַט, וועלכער האָט ניט בלויז געוווּסט מיט דער גאנצער קאָנסעקווענטקײַט אָנצווענדנ אינ רוסלאנד די רעוואָלוציאָנערע טעאָריע פונ מארקס—ענגעלס, נאָר אויכ אנטוויקלענ זי, דערגאנצנ מיט דער לערע וועגנ דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע אונ וועגנ דער דיקטא־טור פונעמ פראָלעטאריאט.

מיר האָבנ צו פארדאנקענ לענינענ דאָס, וואָס צוזאמענ מיטנ כאווער סטאלינ האָט ער אויסגעכאָוועט די פארטיי באָלשעוויקעס אינ קאמפ קעגנ צאריזמ, דערצויגנ זי אינ גײַסט פונ באָלשעוויסטישער אומקאָמ־פראָמיסלעכקײַט אונ פרינציפּיעלקײַט, איז געשטאנענ אינ דער שפיצ פונ דער אָקטיאבער־איבערקערעניש, האָט געזיכערט דעמ זיג אינעמ בירגער־קריג אונ דעמ אריבערגאנג צומ אופשטעלנ די רויִנירטע ווירט־שאפט.

דעמ דערגרייכטנ זיג פונעמ סאָציאליזמ אינ פססר האָבנ מיר צו פארדאנקענ דעמ ווירדיקנ פאָרזעצער פונ לענינס זאכ — דעמ גרויסנ סטאלינ, וועלכער האָט בא לענינס קייווער, אינ נאָמענ פונ דער פארטיי אונ פונעמ גאנצנ סאָוועטישנ פאָלק, געגעבנ א הייליקע שוווּע צו האלטנ הויכ די גרויסע פאָנ פונ קאָמוניזמ, זײַנ טרײַ ביזנ סאָפ לענינס גע־באָטנ אונ אומדערמידלעכ פאָרזעצנ די זאכ, וואָס לענינ האָט אָנגע־הויבנ. (אפלאָדיסמענטנ.)

מע דאַרף אָפן זאָגן, אַז דער כאַווער סטאַלינ בעראָש פונ דער גאַנצער פאַרטיי פילט אויס הייליק אונ פעסט די שוווע, וואָס ער האָט געגעבנ! (אַפּלאָדיסמענטנ.)

אומגעהייער גרויס איז דער פאַרדינסט פונעמ כאַווער סטאַלינ אינ דעמ, וואָס ער האָט אַנטוויקלט אונ דערגאַנצט לענינס לערע אינ דער עפּאָכע פונ אויסבויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, פונקט אַזוי ווי לענינ האָט אַנטוויקלט אונ דערגאַנצט מאַרקס' לערע אינ דער עפּאָכע פונ פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציעס. דער כאַווער סטאַלינ האָט וויסנשאַפטלעכ באַגרינדעט די מעגלעכקייט פונ א זיגרייכער בויונג פונעמ סאָציאַליזמ אינ איינ לאַנד, ער האָט געשאַפנ די לערע וועגנ דער אויסבויונג פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, די לערע וועגנ דער סאָציאַליסטישער מעלוכע אונ דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענצ. מיט רעכט רעכנט זיכ בא אונדז די לערע וועגנ קאָמוניזמ אַלס די לערע פונ מאַרקס — ענגעלס — לענינ — סטאַלינ. (אַפּלאָדיסמענטנ.)

נאָכ מער, דער כאַווער סטאַלינ האָט געזיכערט די פּראַקטישע לייזונג פונ דער שווערסטער אויפגאַבע פונ דער רוסישער רעוואָליוציע, די אויפגאַבע פונ דער סאָציאַליסטישער איבערבויונג פונ דער פּויערשערווירטשאַפט אונ פונ אַריינציִענ דאָס הונדערטמיליאָניקע פּויערטומ אינ דער קאָלווירטישער אָרדענונג.

דערשלאָגנ זיכ אינ א קירצסטנ טערמינ אַזאַ וועלט-היסטאָרישנ זיג, וועגנ וועלכנ עס האָבנ אַפילע ניט געקאָנט טרוימענ די בעסטע מויכעס פונ דער מענטשהייט, דערשלאָגנ זיכ דערצו, אַז אונדזער פּויערטומ, וואָס האָט דוירעסלאַנג געלעבט צעשפּליטערט, זאָל אָנהייבנ לעבנ סאָציאַליסטיש, האָט זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר מעגלעכ בלויז דערפאַר, ווייל געפירט פאָרויס האָט אונדז דער טרייער אונ ווירדיקער שילער לענינס — דער געניאַלער סטאַלינ. (אַפּלאָדיסמענטנ.)

דער כאַווער סטאַלינ איז, פונקט ווי לענינ, אויכ אַנ אָנפירער פונ העכסטנ טיפּ. ער איז א באַרג-אָדלער, וואָס ווייסט ניט פונ קיינ שרעק אינ קאַמפ אונ וואָס פירט דרייסט פאָרויס די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי

אונ דאָס סאָוועטישע פאָלק איבער ניט־באטראָטענע וועגנ צומ פול־שטענדיקנ זיג פונעמ קאָמוניזמ.

זאָל לעבנ די אומבאזיגבארע פארטיי פונ לענינ — סטאלינ!

רומ דעמ גרויסנ סטאלינ!

(אנ אויסברוכ פונ אפּלאָדיסמענטנ. שטייענדיק באַ־גריסנ לאנג די דעלעגאטנ דעמ כאווער סטאלינ מיט אויסרופנ „דעמ גרויסנ סטאלינ הורא!”)

אינהאלט

זײַט

די פראגנ פונ פראָדוצירנ סכוירעס פונעמ ברייטנ געברויכ אונ פונעמ סכוירע־אומזאצ 10

די פראגנ פונ אויסערנ־האנדל 24

דאָס צוקלײַבנ קאדרענ אונ דאָס קאָנטראָלירנ די אויספילונג 30